# THE FOREIGN JEWS PROTECTION COMMITTEE
## AGAINST DEPORTATION TO RUSSIA AND COMPULSION.

**OFFICES: 42, WHITECHAPEL RD., E.**

1918767

All Communications to be addressed to A. BEZALEL, Secretary.

# דרינגענדער אויפרוף
# צו אלע אידישע פעראיינען.

דעם פֿערטיידיגונגס־קאָמיטעט טהוט זעהר לייד וואָס ער מוז, פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון זיין עקזיס־טענץ, קעמפֿען אין די טירען און פֿערלאַנגען געלד שטיצע.

כאָטש די אורזאַכען וואָס האָבען אַרויסגערופֿען דעם פֿערטיידיגונגס קאָמיטעט צום לעבען, ווערען אַלץ דראָהענדער און געפֿעהרליכער; כאָטש דער באָדען אויף וועלכען דער פֿערטיידיגונגס קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט איז צוליעב דער זיכערהייט פֿון דער גאַנצער איינגעוואַנדערטער אידישער בעפֿעלקערונג אין לאַנד, טראָצדעם מוז דער פֿערטיידיגונגס קאָמיטעט אַזויפֿיעל מאָל אַפּעלירען און ווידער בעטען פֿינאַנציעלע הילף פֿאַר זיינע ריזיגע אויסגאַבען.

דער ערפֿאָלג פֿון אונזער אַרבייט איז אָבהענגיג אין אייער אַלעמענס געלד שטיצע. גרויסע סומען זיינען אומבעדינגט נויטיג.

איהר אידישע קערפערשאַפֿטען מוזט געבען די געלד אויב איהר ווינשט אַז דער פֿערטיידיגונגס קאָמיטעט זאָל האָבען ערפֿאָלג.

איהר האָט ליגען „רעזערוו" פֿאָנדען, אונבעוועגליכען, טויטען קאַפּיטאַל. דער מאָמענט איז אַזעלכער, אַז איהר מוזט דאָס — ביז איצט אונבעוועגליכע — בעוועגען און דעם „טויטען פֿאָנד" בענוצען פֿאַר די וויכטיגסטע לעבענס אינטערעסען.

מיר וויסען גאַנץ גוט די טראַדיציאָנעלע בעציהונג אין אַלע פֿעראיינען צו די „רעזערוו-פֿאָנדען" אָבער איצט איז אונזער ברענענדסטע וויכטיגקייט צו בעזיעגען אונזערע שונאים און אַלע כחות און מיטלען מוזען אָנגעווענדעט ווערען דאָס צו ערדייכען.

יעדער פֿערשטעהט דאָך אַז די פֿעראיינען און קערפערשאַפֿטען קענען עקזיסטירען אַזוי לאַנג ווי דער אידישער ישוב ווערט נישט רואינירט. זאָל חלילה די אַרבייט פֿון פֿערטיידיגונגס קאָמיטעט נישט גליקען, דאַן וועלען דאָך די גרעסטע טייל קערפערשאַפֿטען צופֿאַלען און די „רעזערוו" פֿאָנדען וועלען קיין נוצען נישט ברייננגען...

דער מאָמענט איז איצט צו ערענסט זיך ערלויבען אַזאַ לוקסוס צו האָבען ליגען טויטען געלד דאַמאָלס ווען דאָס לעבען פֿון דער אידישער בעפֿעלקערונג איז אין געפֿאַהר. אַלעס מוז אָנגעווענדעט ווערען צו מאַכען די אַרבייט פֿון פֿערטיידיגונגס קאָמיטעט ערפֿאָלגרייך און ווען די געפֿאַהר וועט זיין פֿערביי, וועט איהר דאַ־מאָלס ווידער זאַרגען צוריקצושטעלען די אָנגעריהרטע פֿאָנדען.

אונזערע אויסגאַבען זיינען איצט אַזעלכע וואָס קענען נים געדעקט ווערען דורך פּעני נדבות; עס זיינען נויטיג פֿונטען און איז די הונדערטער פֿונטען און אויב איהר ווילט מיר זאָלען אנגעהן מיט דער אַרבייט, מוזט איהר דיזע סומען אונז צושטעלען.

מיר ווילען האָפֿען אַז אונזער רוף וועט ערדייכען זיין ציעל. מיר טהוען אונזער חוב ערקלעהרענדיג אייך די לאַגע און אָנווייזענדיג אייך וואָס איהר האָט צו טהון, דאָס איבריגע לאָזען מיר צו אייער פֿעראַנטוואָרטליכקייט.

מיט גרוס, פֿאַר'ן פֿערטיידיגונגס קאָמיטעט,

27.2.17.

סעק.

געדרוקט ביי די „אידישע שטימע" (טרייד יוניאָן דרוק,) 165, ווייטשעפּעל רויד, א.

ANGLO-JEWISH
PAMPHLETS

VOL. XVII

MOCATTA
BOUND
PAMPHS.
80


x·rite
colorchecker
MSCCPPCC0613
mm